ב"ה

# טעראפּי

- ענקזייעטי
- דיפּרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 29

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## צוריק אנהויבן רייכערן, אדער עסן אסאך?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך בין א בחור וואס איז ברוך ה' מקורב געווארן צו מוהרא"ש זי"ע, איך בין זיך זייער מחזק מיט די עצות און הדרכות פון מוהרא"ש, און איך האב געזען אז מוהרא"ש שרייבט מען זאל נישט רייכערן, און איך האב טאקע אויפגעהערט רייכערן פאר א שטיק צייט, אבער צוליב דעם האב איך אנגעהויבן מער עסן, און איך ווער מער פעט, נאכדעם וואס איך בין שוין ביז יעצט אויך געווען היבש א פולער בחור.*

*איז מיין שאלה אויב זאל זיך צוריק אנהויבן רייכערן, אדער ווייטער עסן אסאך?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת נשא ב', י' סיון, שנת תשפ"ג לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

זייער גוט טוסטו אז דו רייכערסט נישט און אזוי זאלסטו ווייטער טון, דער הייליגער רבי האט נישט געוואלט מיר זאלן רייכערן (חיי מוהר"ן, סימן רעג, תעב).

בנוגע וכו'; דו בעט דעם אייבערשטן אויף שמחה, זאלסט זיין פרייליך. דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן כד) זיין פרייליך ברענגט אלע רפואות, אויך קען מען זיך מער קאנטראלירן, מען לעבט מיט א ישוב הדעת (שם, סימן י).

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ווען זאל מען לאזן וויסן פאר'ן שדכן אז ס'איז דא א געזונט פראבלעם?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב א ברודער, אן עלטערער בחור וואס ווארט אויף א שידוך. איך האב געוואלט פרעגן, אזוי ווי ער ליידט אויף צוקער, ווען איז די ריכטיגע צייט צו לאזן וויסן פאר די אנדערע זייט איבער דעם? און ווער זאל זיין דער וואס זאגט זיי עס?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ויצא, ט' כסליו, שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### ווען מ'איז גרייט צו שליסן, דעמאלס זאל מען זאגן

איך האב געזען פונעם גרויסן גאון וצדיק **רבי חיים קנייבסקי זכר צדיק לברכה** זייער א קלארע גאנג פאר א בחור און מיידל וואס האבן א געזונטהייט קאמפליקאציע, ווי צום בייספיל מען ליידט אויף צוקער וכדומה; מען זאל נישט זאגן אין אנהויב ווען מען רעדט די שידוך - אז מען האט דאס, נאר ערשט זאל מען ארויסגיין, זיך באקענען איינער מיטן צווייטן, און פאר מען וויל שליסן די שידוך זאל מען זיך אוועק זעצןביידע זייטן און אויסשמועסן די געזונט צושטאנד.

פון איין זייט טאר מען נישט מאכן א שידוך ווען עס איז דא א געזונטהייט קאמפליקאציע - אן דערציילן, און פון די אנדערע זייט, זאגן אין אנהויב פארן שדכן - וועט מען נישט אנטראגן די שידוך, אבער אז מען הויבט אן זיך באקענען און ערשט שפעטער דערציילן - אזוי האט דער גאון וחכם געראטן, און אזוי ענטפער איך אויך ווען מען פרעגט מיך.

### תפילה - און א סגולה פאר א שידוך

דער עיקר איז תפילה. דער רבי זאגט (ספר המדות אות רחמנות, סימן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁדּוּכִים טוֹבִים וְהֲגוּנִים", דורך תפילה איז מען זוכה צו טון גוטע שידוכים. אויך זאל מען טון די סגולות פון רבי'ן, דער רבי זאגט (שם אות חיתון, סימן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ", וועם עס איז שווער צו טרעפן זיין שידוך, "יִרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", זאל זיך צוגעוואוינען צו זאגן די פרשה פון קרבנות הנשיאים, זאגן יעדן טאג די פרשה וואס מען לייענט חנוכה, די פרשה פון (במדבר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן"; עס זאגן מיט אמונה, בתמימות ובפשיטות, און נאכן זאגן זאל מען בעטן דעם אייבערשטן די תפילה:

**"הייליגער באשעפער, האב אויף מיר רחמנות, געב מיר א שידוך. עס איז מיר אזוי שווער צו זיין אליין, א פלג גוף. איך וויל זיין ערליך, איך וויל אויפשטעלן א אידישע שטוב, איך וויל חתונה האבן, זיין אפגעהיטן בקדושת הברית, זיין הייליג און ריין.**

**רבונו של עולם, איך האב געזאגט קרבנות הנשיאים, איך האב געטון די סגולה פון הייליגן רבי'ן רבינו נחמן בן פיגא זכותו יגן עלינו, העלף מיר איך זאל שוין יעצט טרעפן מיין שידוך, אמן סלה".**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ווי אזוי האלט מען ערליך די קינדער, ווען די ארומיגע משפחה זענען אנדערש?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך בין אויפגעוואקסן ברוך ה' אין א ווארעמע ערליכע חסידישע שטוב, מיינע עלטערן האבן אונז זייער גוט מחנך געווען צו זיין שטאלץ מיט אידישקייט. אבער נאך מיין חתונה האב איך זיך דערזען פאר א נסיון, מיין ווייב איז ברוך ה' זייער ערליך און וואויל, אבער ביי איר משפחה איז מען נישט אזוי מקפיד אויף זאכן, מ'איז פארנומען מיט אסאך נארישקייטן, ארייגערעכנט מיט סמארטפאונס, סאשעל מידיא, און דאס גלייכן. איך פרוביר אנצוהאלטן מיין חסידישקייט און ערליכקייט, אבער ס'איז מיר זייער שווער צו זיין ביי מיין שווער אינדערהיים און זיין אנדערש פון יעדן, נישט קענען מיטהאלטן פון וואס זיי רעדן און שמועסן, דאס איז מיר א שווערע נסיון. יעדער זיצט מיט די כלים און מען שיקט זאכן איינער צום צווייטן, און איך שפיר מיך ווי א יון אין די סוכה, אפשר האט דער ראש ישיבה שליט"א אן עצה פאר מיר?*

*ספעציעל איז מיר שווער אויב מ'ווייזט דארט א ווידיא פאר די גאנצע משפחה, און די קינדער ווילן אויך מיטהאלטן, ווי אזוי האלט מען זיך ביי שטארקע גדרים, און צו גרינגשעצן אין די משפחה?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת וישלח, י' כסליו, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו פרעגסט זייער א הייקעלע און וויכטיגע שאלה, ווייל פון איין זייט דארף מען אכטונג געבן אויף שלום, מען זאל זיך נישט קריגן מיט משפחה און נישט גרינגשעצן אין עלטערן, און פון די אנדערע זייט דארף מען אכטונג געבן אויף זיך מען זאל בלייבן מיט יראת שמים, און אויך דארף מען אכטונג געבן אויף די קינדער זיי זאלן אויסוואקסן מיט יראת שמים.

### א מעשה מיט א מדינה פון אפיקורסים

דער רבי האט אונז דערציילט אזא מעשה וואס דו האסט, מיט א חכם וואס האט נישט געוואלט אז זיינע קינדער זאלן פארפאלן גיין. דער רבי דערציילט (ספורי מעשיות, מעשה ג', מחיגר) עס איז אמאל געווען א חכם, און דער קיסר פון די לאנד איז געווען א גרויסער אפיקורס, איז געגאנגען דער חכם, ער האט גערופן די גאנצע משפחה און זיי געזאגט: "איר זעט דאך אז דער קיסר איז א גרויסער אפיקורס און האט שוין געמאכט די גאנצע מדינה פאר אפיקורסים, און א טייל פון אונזער משפחה האט ער שוין אויך געמאכט פאר אפיקורסים, בכן לאמיר אוועקגיין אין מדבר כדי מיר זאלן בלייבן מיט אונזער אמונה אין גאט ברוך הוא", זיי זענען געגאנגען צו א מדבר און דער חכם האט געמאכט א רינג ארום זיי אז קיינער זאל זיי גארנישט קענען שלעכטס טון.

מוהרא"ש זאגט (נהרי אפסרמון) די רינג איז די הייליגע אמונה, אזוי ווי עס שטייט (תהלים פט, ט): "וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ"; ווען א מענטש איז ארום גענומען מיט אמונה - קען אים קיינער נישט שלעכטס טון, ווייל די קליפות און מזיקים האבן נאר א שליטה ווען די אמונה איז אפגעשוואכט, דעמאלט האבן זיי א טיר אריין צו קומען צום מענטש, אבער ווער עס איז שטארק מיט אמונה - קען אים קיינער נישט שלעכטס טון.

אויך איז א רינג א סימן פון אחדות, אז מען מאכט א שטארקע רינג, מען לעבט בשלום, מען לעבט מיט ליבשאפט, מען איז מוותר איינער פאר'ן צווייטן, מען קריגט זיך נישט - דעמאלט האט די שלעכטס נישט קיין שליטה, דעמאלט קען קיינער נישט צעברעכן די שטוב. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנחומא נצבים, א): "בְּנֹהַג שֶׁבָּעוֹלָם, אִם נוֹטֵל אָדָם אֲגֻדָּה שֶׁל קָנִים, שֶׁמָּא יָכֹל לְשָׁבְרָם בְּבַת אַחַת" אז מען מאכט א בינטל פון אסאך שטעקענעס, קען מען דאס נישט צעברעכן, "וְאִלּוּ נוֹטֵל אַחַת אַחַת, אֲפִלּוּ תִּינוֹק מְשַׁבְּרָן", אבער אויב מען נעמט איין שטעקן באזונדער, קען דאס אפילו א קינד צעברעכן.

### אן עצה אפצוהיטן די קינדער

דאס איז די עצה פאר דיר און פאר אלע עלטערן וואס ווילן היטן די שטוב אז די קינדער זאלן בלייבן ערליך און אפגעהיטן, מען דארף שטארק ארבעטן עס זאל זיין שלום בית אין שטוב, דאס איז דער פונדאמענט פון די שטוב. מענטשן מיינען אז שלום בית איז א שיינע זאך, מען קוקט אויף דעם ווי א היינטיגע זאך, ווי א זאך וואס איז נישט בעצם א יסוד אין לעבן, אבער עס איז נישט אזוי, שלום בית איז די וויכטיגסטע זאך פאר א איד, מען קען נישט אויפציען קינדער נאר מיט שלום בית; קינדער וואס קומען פון א שטוב וואו עס איז דא א שטארקע רינג, טאטע מאמע האבן זיך ליב - וואקסן אויף ערליך און געזונט, און חס ושלום אויב מען קריגט זיך - איז דאס די ערגסטע זאך פאר זיי.

קינדער ווייסן און שפירן אויב עס איז דא ליבשאפט צווישן טאטע מאמע, מען קען זיך נישט מאכן, מען קען זיי נישט אפנארן, זיי ווייסן דאס נאך בעסער פון די עלטערן אליינס, און דאס איז די שטערקסטע זאך פאר זייער עתיד.

*

דערפאר, אז דו ווילסט היטן דיינע קינדער - זאלסטו זען צו טון וואס דער חכם האט געטון, מאך א רינג ארום דיין משפחה; זע עס זאל זיין ליבשאפט, פארברענג אין שטוב מיט דיין ווייב און קינדער, דאס איז מער פון אלעס. קינדער וואס פארברענגען מיט די עלטערן דארפן נישט קיין ווידיאו"ס, אויך רעד אין שטוב פון אייבערשטן, דערצייל מעשיות פון תפילה, מעשיות פון השגחה פרטיות, שמועס ביי די שבת סעודות פון אייבערשטן - וועסטו זיין אפגעהיטן פון שלעכטס און דו וועסט האבן ערליכע שיינע דורות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**וויי און ביטער איז אז מען פארלאזט זיך אויף מענטשן**

**איז א פראבלעם צו מאכן טערעפי פאר זעלבסט זיכערקייט?**

**איך האב פארלוירן מיין פרנסה, און מ'האט געטראפן א געוויקס ביי מיין ווייב**

*קוקט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל, טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218 אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com - קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066